**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט אינוועסטירונגען צו ליפערן פאר לאנג איילענד פאמיליעס**

***אנטהאלט 350 מיליאן דאלער אין אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן לאנג איילענד׳ס עקאנאמיע***

***500 מיליאן דאלער פאר׳ן אנטוויקלען ים-ווינט ענערגיע***

***העכערט סקול הילף אויף לאנג איילענד מיט 457.6 מיליאן דאלער***

***אנטהאלט באלד 1 מיליאן דאלער צו שטיצן קאמיוניטי-באזירטע נאָנפּראָפיט גרופעס וועלכע באזארגן האָוזינג הילף, קאמיוניטי באנייאונג אקטיוויטעטן, און רענט סובווענצן אין דעם לאנג איילענד ראיאן***

***שאפט דעם היים אייגנטימער שטייער ריבעיט קרעדיט צו באזארגן פארלייכטערונג צו אן ערך פון 494,000 פראָפערטי טעקס-צאלנדע הויזגעזינדער***

***גיבט באלד 63 מיליאן דאלער צו שטיצן עדיקשען באהאנדלונג, ערהוילונג, און פארהיטונג אויף לאנג איילענד***

***באשטימט אומגעפער 370,000 דאלער צו פינאנצירן דעם ׳דזשאסעף פי. דווייער וועטעראן פיער-טו-פיער סערוויסעס פראגראם אינערהאלב דעם לאנג איילענד ראיאן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן ראיאנישע אינוועסטירונגען פון דער פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט צו ליפערן פאר לאנג איילענדער פאמיליעס. גאווערנער האוקול׳ס היסטארישע [פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט](#) טוט צוזאמפאָרן א דרייסטע וויזיע מיט פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט, אינוועסטירנדיג אין דעם לאנג-טערמיניגן עתיד פון ניו יארק. איבערבויען די העלטקעיר עקאנאמיע, בויען דעם בילדונג סיסטעם פונ׳ם צוקונפט, רעדוצירן דער שטייער עול פאר די וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע, פארבעסערן די סטעיט׳ס טראנספארטאציע און האָוזינג אינפראסטרוקטור, באקעמפן קלימאט ענדערונג, שאפן דזשאָבס און פארבעסערן פובליק זיכערהייט און זיטן אין רעגירונג זענען פארנט און צענטער אין דעם בלופּרינט נאכצוקומען די געלעגנהייט צו אינוועסטירן אין ניו יארקער.

״מיט אונזער טראנספארמאטיווער 221 ביליאן דאלערדיגע בודזשעט, ווייזן מיר אז מיר קענען זיך קאנצענטרירן אויף די גרויסע פראבלעמען וועלכע ניו יארקער האבן אויסצושטיין, און איך בין שטאלץ צו קענען אנאנסירן היסטארישע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן ווירקליך אויסמאכן אין מענטשן׳ס לעבנס אויף לאנג איילענד, היינט און פאר פילע יארן אינ׳ם צוקונפט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פון היסטארישע שטיצע פאר אונזערע סקולס און שטייער פארלייכטערונג פאר מיטל-קלאס ניו יארקער, ביז

די גרעסטע אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטור אין סטעיט היסטאריע — אנפילנדיג די געלעכערטע איבערפלאך פון אונזערע פארפלאגטע גאסן — טוט דער דאזיגער בודזשעט ליפערן פאר לאנג איילענדערס אויף א גרויסן פארנעם. יעדער ניו יארקער קומט זיך א יושר׳דיגע שאנס צו עררייכן וואס איך רוף דעם ״ניו יארקער טרוים״, און איך קוק ארויס אויף צו זען די אלע נייע וועגן וואס דער בודזשעט וועט העלפן בויען א בעסערע, מער יושר׳דיגע און מער ארייננעמיגע ניו יארק סטעיט.״

**ראיאנישע הויכפונקטן פון דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט ספעציפיש צו לאנג איילענדער קאמיוניטיס אנטהאלטן:**

__ארטיגע רעגירונג__

- **באזארגן הילף און אינצענטיוון צו מוניציפאליטעטן.** דער בודזשעט גיבט 26.2 מיליאן דאלער אין אלגעמיינע צוועק הילף צו די ראיאן׳ס ארטיגע רעגירונגען.
- **קאנסאלידירן ארטיגע רעגירונגען צו שפארן געלטער פאר שטייער-צאלער.** דער בודזשעט גיבט אויך 1 מיליאן דאלער אין געשפארטע געלטער פאר לאנג איילענד שטייער-צאלער וועלכע וואוינען אין אפגעשאפענע ווילעדזשעס דורך דער ׳בירגער באפולמעכטיגונג שטייער קרעדיט׳ (CETC) פראגראם.

__עקאנאמישע אנטוויקלונג__

- **לאנג איילענד אינוועסטירונג פאָנד.** דער בודזשעט אנטהאלט אויך 350 מיליאן דאלער צו שטיצן קאפיטאל אינוועסטירונגען פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן און מאכן וואקסן די ראיאנישע עקאנאמיע און פארשטערקערן קאמיוניטיס לענגאויס לאנג איילענד.
- **ים-ווינט ענערגיע.** 500 מיליאן דאלער פאר׳ן אנטוויקלען ניו יארק׳ס אָף-שאָר ווינט ענערגיע און פארבינדענע סופליי-טשעינס. פינאנצירונג וועט צושטעלן די נויטיגע אינפראסטרוקטור אויף פאראויס-פירן איר ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע, אויסניצנדיג פריוואטע קאפיטאל צוצושטעלן איבער 2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט און גלייכצייטיג שאפן איבער 2,000 גרינע דזשאבס.
- **קאלד ספרינג הארבאר / סטאני ברוק AI צוזאמארבעט.** 50 מיליאן דאלער צו שטיצן אן אַרטיפישעל אינטעליגענץ צוזאמארבעט צווישן קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע און סטאני ברוק אוניווערסיטעט.

__בילדונג__

- **שטיצן לאנג איילענדער סקולס.** ניו יארק סטעיט זעצט פאר ווייטער איר פעסטע איבערגעגעבנקייט צו בילדונג דורך צושטעלן נאך פינאנצירונג נאכצוקומען די געברויכן פון סטודענטן, לערער און סקולס במשך די אנגייענדע נסיונות אלס רעזולטאט פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. דער פינאנץ-יאר 2023 איינגעפירטער בודזשעט העכערט סקול הילף אויף לאנג איילענד מיט 457.6 מיליאן דאלער (12.7 פראצענט), ארייננגערעכנט א 406.7 מיליאן דאלערדיגע (17.1 פראצענט) העכערונג אין ׳פאָנדעישען עיד׳. די העכערונג איז צום מערסטנס געטריבן דורך דעם צווייטן יאר פון דאס צוביסלעכווייז אריינברענגען אין לויף פון דריי יאר די פולקאמע סומע פינאנצירונג פון דעם ׳פאנדעישען עיד׳ פארמולאר.

**ענערגיע און דער ענווייראָנמענט**

- דער פינאנץ-יאר-23 דורכגעפירטער בודזשעט אנטהאלט ויך נאך פינאנצירונג פאר די פאלגענדע סטעיט פארק פראיעקטן:

  · 5 מיליאן דאלער פאר דזשאנס ביעטש איסט באד-הויז אויסשטעל
  · 4 מיליאן דאלער פאר ׳באיארט קאטינג ארבורעטום׳ באזוכער צענטער
  · 300,000 דאלער פאר מאנטאוק דאונס קלובהויז טראנספארמאציע

- דער פינאנץ-יאר-23 דורכגעפירטער בודזשעט רעכנט אריין מער פינאנצירונג פאר דעם פאלגענדן DEC פראיעקט: אונטערשטער-פעקאניק טייך פישכאפן צוטריט פארבעסערונגען נעבן רוּט 25 אין ריווערהעד. פארבעסערונגען נעמען אריין א קענוּ פּאָרטאַזש מיט טרעפ, שיף גליטש, האנט-געטראגענע שיף ארויספאר מיטל און פארקינג לאט פארבעסערונגען.

- 2.5 מיליאן דאלער פאר דער לאנג איילענד פיין בערענס קאמיסיע, געשטיצט דורך דער EPF.
- 4.5 מיליאן דאלער פאר סופאלק קאונטי און 5 מיליאן דאלער פאר נעסאוי קאונטי אין וואסער קוואליטעט באשיצונג פראגראם פינאנצירונג, געשטיצט דורך דער EPF.

- 1 מיליאן דאלער פאר׳ן צענטער פאר ריינע וואסער ביי סטאני ברוק, געשטיצט דורך דער EPF.

**העלט**

- **אינוועסטירן אין ארטיגע העלט דעפארטמענטס.** דער איינגעפירטער בודזשעט אנטהאלט 1.9 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג אויף צו העכערן די אלגעמיינע פובליק געזונטהייט ארבעט (ארטיקל 6) באזע גרענטס — 885,000 פאר נעסאוי קאונטי און 970,000 דאלער פאר סופאלק קאונטי. דער דורכגעפירטער בודזשעט אינוועסטירט אויך געלטער פאר אלע קאונטיס צו דעקן א טייל פון זייטיגע בענעפיט קאסטן פאר פובליק געזונטהייט שטאב מיטגלידער דורך סטעיט הילף צוריקצאל, וועלכס וועט העלפן קאונטיס העכערן זייערע שטאב פארוואלטונג שטאפלען נאכצוקומען פובליק געזונטהייט פאדערונגען.

**האָוזינג**

- **געגנט און רוּרעל אפהיטונג פראגראם (NPP / RPP).** דער דורכגעפירטער בודזשעט אנטהאלט באלד 1 מיליאן דאלער פאר ׳געגנט אפהיט פראגראם׳ (NPP) און ׳רוּרעל אפהיט פראגראם׳ (RPP) צו שטיצן קאמיוניטי-באזירטע נאָנפּראָפיט גרופעס וועלכע באזארגן האָוזינג הילף, קאמיוניטי באנייאונג אקטיוויטעטן, און רענט סובווענצן אין דעם לאנג איילענד ראיאן.
- **רוּרעל רענט הילף פראגראם (RRAP).** דער עקזעקיוטיוו בודזשעט גיבט רענט הילף דורך דעם רוּרעל רענט הילף פראגראם (RRAP) פאר איבער 50 דירות פון נידעריגע-איינקונפט האָוזינג פאר רוּרעל טענאנטן אין לאנג איילענד.

**גייסטישע געזונט**

- **שטיצן עדיקשען באהאנדלונג סערוויסעס.** *דער בודזשעט גיבט באלד 63 מיליאן דאלער צו שטיצן עדיקשען באהאנדלונג, ערהוילונג, און פארהיטונג אויף לאנג איילענד.* די פינאנצירונג וועט שטיצן פארשידענע ערליי פראגראמען, אריינגערעכנט אפּיאָוד באהאנדלונג, רעזידענשעל באהאנדלונג בעטן, אָוטפעישענט באהאנדלונג קליניקס, אפהאלט פראגראמען, ערהוילונג קאמיוניטי און אָוטריטש צענטערן, און יוגנט קלוב-הויז, א געמבלינג פראבלעם הילפס-מיטל צענטער, טורמע-באזירטע באהאנדלונג, און איין סטעיט-אפערירטע עדיקשען באהאנדלונג צענטער. די פראגראמען גיבן קאָונסלינג פאר יחידים און גרופעס, מעדיצינישע-הילף באהאנדלונג, בילדונג סערוויסעס, קעיס מענעדזשמענט, געניטשאפט אפשאצונג, דזשאָב פעאיגקייט טרענירונג, ארבעט גרייטקייט, טאטע-מאמע פעאיגקייטן, און סאציעלע און געזעלשאפטליכע לעבנס פעאיגקייטן.
- **וועטעראן פיער-טו-פיער סערוויסעס פראגראם.** דער דזשאסעף פי. דווייער וועטעראן פיער-טו-פיער סערוויסעס פראגראם, וועלכער איז א נאמען געגעבן צו פארעהרן דעם אנדענק פון א וועטעראן וועלכע איז באגאנגען זעלבסט-מארד, טוט אנבאטן א נישט-קלינישער שטיצע מוסטער דורך וועטעראנען פאר וועטעראנען וועלכע מוטשען זיך מיט נאך-טראומא דרוק אומארדענונג (PTSD), טראומאטישע מוח שעדיגונג (TBI), זעלבסט-מארד מחשבות, און / אדער אנדערע גייסטישע געזונטהייט פלאגענישן. דער בודזשעט וועט באשטימען אומגעפער 370,000 דאלער צו פינאנצירן דעם פראגראם אינערהאלב דעם לאנג איילענד ראיאן.

**<u>איינקונפט אקציעס און STAR</u>**

- **גיבט א היים אייגנטימער שטייער ריבּעיט קרעדיט.** דער בודזשעט שאפט א נייע פּראָפּערטי טעקס פארלייכטערונג קרעדיט, דער היים אייגנטימער שטייער ריבּעיט קרעדיט, פאר בארעכטיגטע נידעריגע איינקונפט און מיטלמעסיגע איינקונפט הויזגעזינדער, ווי אויך בארעכטיגטע הויזגעזינדער פון עלטערע מענטשן. געוועינטליכע STAR אויסנאם און קרעדיט באקומער מיט איינקונפט אונטער 250,000 און פארשטערקערטע STAR באקומער זענען בארעכטיגט פאר דער פּראָפּערטי טעקס ריבּעיט וואו דער בענעפיט איז א פראצענט פון דעם היים אייגנטימער׳ס עקזיסטירנדע STAR בענעפיט. דער דורכשניטליכער בענעפיט פאר לאנג איילענד היים אייגנטימער וועט זיין בערך 1,290, צושטעלנדיג פארלייכטערונג פאר בערך 494,000 פּראָפּערטי שטייער-צאלנדע הויזגעזינדער.
- **פארשנעלערן דער מיטל-קלאס שטייער פארקלענערונג.** דער בודזשעט פארשנעלערט דאס צוביסלעכווייז איינפירן מיטל-קלאס שטייער פארקלענערונג מיט צוויי יאר, איינפירנדיג פולשטענדיג דער פארקלענערונג אנגעהויבן שטייער יאר 2023 אנשטאט שטייער יאר 2025.
- **געבן פארדינטע הכנסות טעקס קרעדיט (EITC) און נאָן-קאָסטאָדיעל טאטע/מאמע EITC באנוס באצאלונגען.** דער בודזשעט גיבט אן איינציג-מאל צוגאב באצאלונג אין גלייכן מיט 25 פראצענט פון דעם EITC אדער נאָן-קאָסטאָדיעל פערענט EITC געמאנט פאר שטייער יאר 2021, אויפ׳ן באדינג אז דער בענעפיט איז וויניגסטנס 25 דאלער.
- **צושטעלן אן עמפייער סטעיט קינד קרעדיט (ESCC) באנוס באצאלונג.** דער בודזשעט גיבט אן איינציג-מאל צוגאב באצאלונג צווישן 25 און 100 פראצענט פון די ESCC איינגעגעבן פאר שטייער יאר 2021, אויפ׳ן באדינג אז דער בענעפיט איז וויניגסטנס 25 דאלער.

**<u>טראנספארטאציע</u>**

- **CHIPS ארטיגע הייוועי הילף פראגראם:** דער בודזשעט גיבט 49.6 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר ארטיגע שאסייען און בריקן אויף לאנג איילענד דורך דעם CHIPS פראגראם.

- **׳פעיוו NY׳ ארטיגע הייוועי הילף פראגראם:** דער בודזשעט גיבט 13.7 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר ארטיגע שאסייען אויף לאנג איילענד דורך דעם ׳פעיוו NY׳ פראגראם.
- **עקסטרעמע ווינטער ערהוילונג (EWR):** דער בודזשעט גיבט 9.4 מיליאן דאלער אין פינאנסירונג פאר ארטיגע שאסייען און בריקן דורך דעם EWR פראגראם.
- **סטעיט טוריזם וועגן (STR):** דער בודזשעט גיבט 0.3 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר ארטיגע ראודס דורך דעם STR פראגראם.
- **׳פעיוו אַוּער פּאָטהאָולס׳ (POP):** דער בודזשעט שטעלט צו 9.2 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר ארטיגע ראודס דורך דעם POP פראגראם.
- **שאסיי און בריק פארבעסערונגען:** דער בודזשעט אנטהאלט פינאנצירונג פאר שאסיי און בריק פראיעקטן אין דעם לאנג איילענד ראיאן ווי צ.ב.ש.:

· 6.5 מיליאן דאלער דורכצופירן בריק דעק און שטאל פארריכטונגען אויפ׳ן בריק וואס טראגט וועסטבאַונד רוּט 27 איבער באַרנעס ראוד אין דעם טאון ברוקהעיווען, סופאלק קאונטי.
· 9.9 מיליאן דאלער פאר ניי אויספלאסטערונג אויף לאנג איילענד עקספּרעסוועי, פון רוּט 112 צו יאפהאנק עווניו, אין דעם טאון ברוקהעיווען, סופאלק קאונטי.
· 14.8 מיליאן דאלער פאר אויספלאסטערונג באנייאונג לענגאויס נאָרטערן בולעוואַרד (רוּט A25), פון דער קווינס / נעסאוי קאונטי ליניע ביז אלד נאָרטערן בולעוואַרד, פון פאַרעסט דרייוו ביז גלען קאוו ראוד און פון אנאנדעיל דרייוו ביז דער נעסאוי / סופאלק קאונטי ליניע אין די טאונס נאָרט העמפסטעד און אויסטער בעי אין נעסאוי קאונטי און פון נעסאוי / סופאלק קאונטי ליניע ביז הארבאר ראוד (רוּט 108) אין דעם טאון הונטינגטאן, סופאלק קאונטי.

- **טראנזיט אפעראציע הילף:** דער בודזשעט שטעלט צו 40.7 מיליאן דאלער אין טראנזיט אפעראציע הילף פאר סופאלק קאונטי און 103.4 מיליאן דאלער פאר נעסאוי קאונטי. יעדע באזונדער באשטייט פון א 36 פראצענטיגע העכערונג איבער פאראיאר. דער דאזיגער ראיאן ווערט אויך אפעקטירט דורך MTA אפעראציעס; דער MTA וועט באקומען 6.6 ביליאן דאלער אין טראנזיט אפעראציע הילף. •
- **נישט-MTA טראנזיט קאפיטאל הילף:** דער בודזשעט שטעלט צו א 35 מיליאן דאלער א יאר העכערונג אין נישט-MTA טראנזיט קאפיטאל הילף, א טייל פון וועלכע וועט בענעפיטן סיי סופאלק און סיי נעסאוי קאונטי. דער בודזשעט אנטהאלט אויך 20 מיליאן דאלער פאר׳ן דריטן יאר פון א 100 מיליאן דאלער פינף-יעריגער קאפיטאל פראגראם צו שטיצן טראנזיט אגענטורן׳ס טראנזיציע צו עלעקטרישע באסעס, א טייל פון וועלכע וועט בענעפיטן סופאלק קאונטי.

**סענאטאר טאַד קאַמינסקי האט געזאגט,** ״פאר לאנג איילענדער קומט זיך גוט-געפלאסטערטע גאסן און א גלאטן דרייוו. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגעס אין דעם לעגיסלאטור, און גאווערנער האוקול, אויף צו פארשאפן א רעקארד סומע פון 157 מיליאן דאלער אין דער היי־יעריגער סטעיט בודזשעט צו פארריכטן באלד 500 מייל פון וועגן אויף לאנג איילענד און זיי אויפריכטן צו אן ערשטראנקיגן צושטאנד. וויכטיגס, ווי מער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג מיר שאפן איין פון אלבאני, אלץ וויניגער דארפן מען פאדערן פון שטייער-צאלער צו טראגן דעם עול.״

**סענאטאר דזשאן אי. ברוקס האט געזאגט,** ״פארטרעטן די געברויכן פון לאנג איילענד איז א פאראנטווארטליכקייט וואס מיר נעמען נישט לייכט, און דעריבער בין איך שטאלץ מיט אלץ וואס מיר האבן געקענט אויפטון אין דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט. די ארבעט האט רעזולטירט אין הונדערטער מיליאנען דאלארען אין הילף און שטיצע פאר אנגעשטרענגטע לאנג איילענדער פאמיליעס אין שטייער

פארלייכטערונג, בילדונג פינאנצירונג און פארשידענע ערליי אנדערע פראגראמען און סערוויסעס. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר אומוואקלדיגע שטיצע פון לאנג איילענד בפרט און ניו יארק סטעיט בכלל; און איך קוק ארויס פארצוזעצן ווייטער אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען בשעת מיר ארבעטן אויף צו פארזיכערן א בעסערע צוקונפט פאר אונזערע בירגער.״

**סענאטאר דזשים גאוגהרען האט געזאגט,** ״דער היי-יעריגער סטעיט בודזשעט אנטהאלט א רעקארד סומע פאר סקול הילף און אנדערע הויפט פראיעקטן ווי למשל 22 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר הונטינגטאן סטאנציע היים אייגנטימער זיך צו באהעפטן צו סוער סיסטעמען. די דאזיגע אינוועסטירונג וועלן זיין א טובה פאר אונזערע קינדער, אונזער עקאנאמיע, אונזער ראיאן׳ס אינפראסטרוקטור, און דער ענווייראָנמענט און איך דאנק גאווערנער האוקול פאר׳ן זיין א פארברענטער שטיצער פון לאנג איילענד.״

**סענאטארקע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** ״לאנג איילענדער האבן אונז געשיקט צו אלבאני צו ליפערן רעזולטאטן, און דער בודזשעט וואס מיר האבן איצט איינגעפירט טוט גענוי דאס דורך אדרעסירן פובליק זיכערהייט, שניידן שטייערן, און ליפערן רעקארד-ברעכנדע פינאנצירונג פאר אונזערע סקולס, ראודס, געזעץ אינפארסירונג, און העלטקעיר. א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול און די צוזאמארבעט פון מיינע קאלעגעס אין דעם סענאט מאיאריטעט, וועלן לאנג איילענדער באקומען ווירקליכע פארלייכטערונג פון הויכע שטייערן און גאז פרייזן, אונזערע סקולס וועלן קענען צושטעלן פאר אונזערע קינדער די בעסטע בילדונג, און מיר וועלן קענען אינוועסטירן אין די קאמיוניטי סערוויסעס וועלכע העלפן שכנים און מאכן אונזערע קאמיוניטיס שטערקער און זיכערער.״

**סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** ״דער היי-יעריגער סטעיט בודזשעט מאכט קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין אונזערע סקולס, אונזערע קאמיוניטיס און אין באמיאונגען צו פארשנעלערן אונזער סטעיט׳ס ערהוילונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. פון היסטארישע פינאנצירונג פאר אונזערע סקולס, ביז פארריכטן אונזערע ראודס, איז דער הויפט פריאריטעט צו מאכן א דערקענטע פארבעסערונג אין די טאג-טעגליכע לעבנס פון אלע ניו יארקער. דער דאזיגער בודזשעט מאכט מערקווירדיגע און באדייטנדע ענדערונגען צו אונזערע פובליק זיכערהייט געזעצן, גרינגער צו מאכן צו פראקורירן רעוואלווער האנדלערריי און פארשטערקערן באשיצונגען פאר געליטענע פון האסע פארברעכנס און שטוב געוואלדטאטן. אויך איז קריטיש-וויכטיג וואס דער בודזשעט אנטהאלט מיטל-קלאס שטייער פארלייכטערונג און א גאז שטייער האָלידעי צו העלפן באקעמפען אינפלאציע און פארמינערן דעם עול אויף שווער-ארבעטנדע פאמיליעס. איך דאנק גאווערנער האוקול און מיינע קאלעגעס אין דעם לעגיסלאטור פאר׳ן ארבעטן אינאיינעם צו שאפן א שטערקערע, מער זיכערע, מער בליענדע ניו יארק סטעיט.

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך גאר שטארק אז דער בודזשעט וועט געבן שטייער פארלייכטערונג פאר לאנג איילענדער איבער-באלאדענע היים אייגנטימער. באזארגן פארלייכטערונג ביים גאז פאמפ, איינקונפט שטייער פארקלענערונג און ווירקליכע פּראָפּערטי פארלייכטערונג זענען אלע קריטיש-וויכטיגע איינצלהייטן. אין צוגאב וועט א רעקארד סומע סטעיט הילף פאר אונזערע ארטיגע סקולס העלפן אראפהאלטן פּראָפּערטי טעקסעס. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן קעמפן פאר די דאזיגע לאנג איילענד פריאריטעטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד פרעד טיעל האט געזאגט,** ״א דאנק קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין פארלייכטערונג פאר היים אייגנטימער אנגעלאדנט מיט הויכע פּראָפּערטי שטייערן און א היסטארישע מאס סקול הילף פינאנצירונג וואס גייט דירעקט אריין אין דעם קלאסרום, באשטימט דער היי-יעריגער דורכגעפירטער בודזשעט דעם יסוד פאר א שטערקערע און מער צוגענגליכע לאנג איילענד פאר יעדן. איך בין שטאלץ אז דער בודזשעט ליפערט אויף אונזער קאמיוניטי׳ס מערסט-דרינגענדע באדערפענישן און וועט ווייטער אזוי טון פאר פילע יארן אינ׳ם צוקונפט.״

**אסעמבלי-מיטגליד פיל ראמאס האט געזאגט,** ״נאך די שווערע צוויי יאר אין באקעמפן קאָוויד-19 שפירן לאנג אײלענדער פאמיליעס די אנגעשטרענגטקייט פון שטייגנדע פרייזן פון נויטיגע פראדוקטן ווי עסנוואַרג און גאז. דאס צושטעלן העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג צו ארטיגע פאמיליעס איז געווען איינע פון מיינע העכסטע בודזשעט פריאריטעטן, און דער סטעיט׳ס ענדגילטיגער שפענדונג פלאן פירט פאראויס א דרייסטע אגענדע פון געלט-שפארן. פון העלפן ניו יארקער האלטן פאר זיך מער פון זייערע שווער-פארדינטע געלטער ביז באדייטנד אונטערהייבן סקול הילף און שטיצן פארוואונדליכע טיילן פון דער באפעלקערונג, שטעלט דער 2022-23 סטעיט בודזשעט ארבעטער פאמיליעס צום ערשט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מיקאעל סאלאדזשעס האט געזאגט,** ״דער בודזשעט מאכט וויכטיגע אינוועסטירונגען אין לאנג אײלענד׳ס ראיאנישע עקאנאמיע און אונזער סאציעלע אינפראסטרוקטור. איך און מיינע קאלעגעס אין דער אסעמבלי מאיאריטעט לאנג אײלענד דעלעגאציע האבן פאקוסירט אויף די כללות׳דיגע געברויכן פון אונזערע קאמיוניטיס. מיר האבן זיך אייגעשאפן מער אינוועסטירונג פאר אונזערע פובליק סקולס צו העלפן לינדערן דעם עול אויפ׳ן ארטיגע שטייער צאלער, א היים אייגנטימער שטייער ריבעיט פאר פראָפערטי אייגנטימער פאר איינוואוינער, מער געלט פאר טשיילד-קעיר, און פארשטערקערט דעם היים אייגנטימער באשיצונג פראגראם צו העלפן אדרעסירן פארקלאוזשער. די דאזיגע זענען בלויז א צאל פון די פילע אויפטוען אין דעם היי-יעריגן בודזשעט, און איך דאנק גאווערנער האוקול און דער סענאט לאנג אײלענד מאיאריטעט פאר זייער צוזאמענארבעט אין ליפערן פאר לאנג אײלענדער.״

**אסעמבלי-מיטגליד טעילאר דארלינג האט געזאגט,** ״די היי-יעריגע בודזשעט פארהאנדלונגען פאר פינאנץ-יאר -2023 זענען געווען שווערע. איך בין שטאלץ אז סוף כל סוף האב איך מיט מיינע קאלעגע געקענט איינשאפן מיליאנען דאלארען אין פינאנצירונג. אונזערע קאמיוניטיס אין לאנג אײלענד שטייען אויס א ריי פראבלעמען וואס דער בודזשעט אדרעסירט. די בודזשעט ליניעס מיט וועלכע איך שטאלציר מיך מערסט זענען די 457.6 מיליאן דאלער אין העכערונגען פאר סקול הילף פאר אונזערע לאנג אײלענד סטודענטן, שטיצע פאר קאמיוניטי-באזירטע נאָנפראָפיט ארגאניזאציעס וועלכע באזארגן האָוזינג הילף, קאמיוניטי באנייאונג אקטיוויטעטן, און רענט סובווענצן אין לאנג אײלענד און דאס שאפן דעם היים אייגנטימער שטייער ריבעיט קרעדיט וואס שטעלט צו פארלייכטערונג פאר אן אפגעשאצטע 494,000 פראפערטי שטייער-צאלנדע הויזגעזינדער. עס איז קלאר אז גאווערנער האוקול שטעלט צום ערשט אונזערע קינדער און די שווער-ארבעטנדע לאנג אײלענדער בירגער. ווייטער געגאנגען, העכער און העכער.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשודי גריפין האט געזאגט,** ״איך בין גאר שטאלץ אז אונזער נייער סטעיט בודזשעט ליפערט פאר לאנג אײלענדער פאמיליעס, באזארגנדיג פארשנעלערטע שטייער פארלייכטערונג און גלייכצייטיג מאכן קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין דעם צוקונפט פון די דרום-מערב נעסאוי קאונטי קאמיוניטיס אין דעם 21׳סטן אסעמבלי דיסטריקט. דורך די שתדלנות פון דער לאנג אײלענד דעלעגאציע און די ווילן פון גאווערנער האוקול צו פאקוסירן אויף לאנג אײלענד, האבן מיר פארזיכערט אז אונזערע שווער-ארבעטנדע איינוואוינער קענען שפארן מער אין א צייט פון אלוועלטליכע אומסטאביליטעט און צושטעלן העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג מיט א נייע גאז האָלידעי, פארשנעלערן מיטל-קלאס שטייער פארקלענערונגען, היים אייגנטימער פראָפערטי שטייער ריבעיטס, הילף פאר קלענערע לענדלאָרדס און רענט סובווענצן פאר פאמיליעס אין דירות. יארן נאכאנאנד פון רעקארד סומעס פינאנצירונג פאר בילדונג און ענווייראנמענטאלע אינפראסטרוקטור וועט פארזיכערן אז צוויי פון לאנג אײלענד׳ס בעסטע אייגנשאפטן — פענאמענאלע פובליק סקולס און אונזער שפע פון נאטורליכע אוצרות — וועלן זיין גרייט פאר׳ן קומענדן דור און באשיצן די ווערד פון רוב פאמיליעס גרעסטע אייגנטום: זייערע שטובער. מיר באשטימען מיליאנען פאר עדיקשען באהאנדלונג, ערהוילונג און אפהאלט צו אדרעסירן די איבערקערנדע אָפּיאוד עפידעמיע, ווי אויך שטיצן אונזערע העלדישע וועטעראנען אויף לאנג אײלענד דורך פינאנצירונג פאר דעם דזשאסעף פי. דווייער וועטעראן פיער-טו-פיער סערוויסעס פראגראם צו

העלפן מיט PTSD, עדיקשען און גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר׳ן זיין דא היינט און פאר מאכן לאנג איילענד א פריאריטעט.״

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


זיך אויסשרייבן